בס"ד

שבת שקלים | שבת ראש חודש

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א


## תרומה
א' אדר תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:01 |
| מוצש"ק | 6:14 |
| ר"ת | 6:54 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:14 | סוז"ת א' | 9:26 |
| סוזק"ש ב' | 8:56 | סוז"ת ב' | 9:54 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער


גליון מס': קכ"ד
שנה ג'


## טיב הפרשה

# א איד דארף טון וואס ער קען

## ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר איבער די מצוה פון הקמת המשכן, אז הקב"ה האט געהייסן אז מען זאל בויען א משכן פאר אידן אז די שכינה זאל קענען רוען צווישן כלל ישראל.

מיר ווייסן אז די תוה"ק איז נצחי, אז יעדער זאך וואס עס שטייט אין די תוה"ק אפילו אז עס איז געווען נוגע צו אמאל איז עס אויך נוגע היינטיגע צייטן, און אז מיר דארפן עס אפלערנען און ארויסנעמען פון דעם נקודות וואס זענען נוגע צו אונזערע צייטן און אונזערע עבודה.

פון די ציווי אויפ'ן בויען די משכן קען מען ארויסלערנען אסאך ענינים, אבער איינס פון די זאכן וואס זענען נוגע צו אונז איז דער נושא איז נוגע צו די עצם ציווי פון די משכן.

אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין דער עצם ציווי ווערט שווער א שטארקע קשיא. אין די צייט ווען הקב"ה האט געגעבן די ציווי איז נאך כלל ישראל געווען איבערגעצייגט אז זיי וועלן בקרוב ממש אריינגיין אין ארץ ישראל און דארטן וועט זיין דער בית המקדש וואס וועט שטיין אויפ'ן הר הבית, נו, פארוואס פעלט זיך אויס אז מען זאל יעצט בויען א משכן?

עס איז פשוט אז הקב"ה האט געוואוסט אז ענדע גייט מען זיין אין מדבר פערציג יאר, אבער כלל ישראל האט דאך עס נישט געוואוסט, און פארוואס האט הקב"ה געהייסן אז מען זאל יעצט בויען די משכן?

עס קען זיין אז דא ליגט א שטארקער און א טיפער דערהער. דער רבוש"ע האט געוואלט אז מען זאל בויען דער משכן דווקא אין א מדבר, אין אן ארט וואס עס איז וויסט און פוסט, אז עס איז גארנישט דא.

די כוונה מיט דעם איז געווען אויסצולערנען פאר כלל ישראל א לימוד לדורות ווי אזוי מען זאל צוגיין צו א זאך. ווען א פראקטישער מענטש קוקט אן א זאך וועט ער מעסטן די זאך לויט די יכולת וואס עס זעט אים אויס אז ער קען צושטעלן. אז ער האט ביי זיך שטיינער וועט ער וויסן אז מען קען מיט דעם בויען א הויז. אויב האט ער נישט קיין שטיינער, קען ער אבער מיט געלט קויפן שטיינער, אבער אויב ער האט נישט קיין איינס פון די זאכן וועט ער זיך נישט ארויסלאזן אויפ'ן וועג.

ווען כלל ישראל וואלט געמאכט א חשבון צי זיי זאלן בויען א משכן צי נישט, וואלטן זיי געקענט אנקומען צו די מסקנא אז פראקטיש גערעדט קען מען דא נישט בויען א משכן אין מדבר. דא אין דער מדבר איז נישט דא קיין שטיינער, קיין אויל, קיין אבני שוהם, קיין אבני מילואים, ווי אזוי קען מען בויען א משכן אין אזא פלאץ? מען דארףווארטן ביז ווען מען וועט אריינקומען אין ארץ ישראל און דארטן וועט מען האבן די צוגעהערן צו קענען בויען א משכן, אבער דאס דייקא האט הקב"ה געוואלט, אז מען זאל נישט מאכן קיין חשבונות, נאר מען זאל זיך נעמען צו די ארבעט און ער וועט שוין משלים זיין די מלאכה, ווי עס איז טאקע געווען אז ענדע איז געקומען די וואלקענעס און געברענגט די חפצים וואס עס האט זיך אויסגעפעלט צו די השלמה פון די משכן.

דער געדאנק איז געווען ביי די משכן, אבער הקב"ה האט דאס געוואלט אלץ א לימוד לדורות, ווייל דאס איז דער יסוד פון דער אידישער לעבן.

אנדערש ווי עס זעט זיך אויס איז דער לעבן פון א איד. אסאך מאל זעט זיך אויס ווי פראקטיש שטימט נישט די נומערן מיט די מציאות, אבער הקב"ה וויל אז מען זאל נישט קוקן אויף דעם, מען זאל נישט מאכן קיינע חשבונות, מען זאל טון וואס מען האט צו טון ווייל הקב"ה וויל פון א איד דער רצון, די התחלה, די איבעריגע מאכט ער.

די ערשיינונג איז שטארק ווען עס רעדט זיך פון תשובה טון. עס טרעפט זיך אז א איד באגעגענט זיך אין זיין לעבן מיט א מציאות אז ער זעט נישט קיין מעגליכקייט תשובה צו טון, עס זעט אים נישט אויס פראקטיש אז ער וועט זיך קענען אפלאזן פון די אלע שלעכטע וועגן, אבער הקב"ה זאגט אז דער חשבונ'ען צי מען קען יא צי נישט איז נישט דיין אויפגאבע - ווייל אונזער פליכט איז נישט צו מאכן חשבונות, מיר דארפן נאר אנהייבן די עבודה און די המשכה וועט שוין קומען מלמעלה.

פון די פארצייטישע ירושלימער אידן האט זיך געציילט הרה"ח ר' דוד מינצבערג זצ"ל, דער ר' דוד איז געווען א תלמיד פון דער בעל הסולם זצ"ל. ווען ער האט געקענט פלעגט ער קומען צו אים, אויך אין די שפעטע שעה'ן פון שבת ביינאכט.

דער בעל הסולם האט געוואוינט אין


>>> | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

# עבודת האכילה

הרה"ק רבי מענדל'ע פרימשלאנער זצ"ל, וועלכער איז געווען פון די תלמידי הבעש"ט הק', האט זיך געפירט אז יעדן מאל איידער ער האט געגעסן איז ער געגאנגען אין מקוה, און נישט פארן דאווענען. ווען מען האט אים געבעטן אז ער זאל ערקלערן זיין מנהג, האט ער געענטפערט אז די עבודת האכילה איז נאך אסאך א שווערערע עבודה ווי די עבודה פון תפילה, וויבאלד דערמיט קומט מען איבערדרייען די גשמי צו א רוחני, און דאס איז א שווערערע מלחמה ווי בלויז צו עוסק זיין אין א רוחניות'דיגע זאך.

א וואונדערליכע זאך ברענגט הגה"ק דער "שומר אמונים", אין זיין ספר "שולחן הטהור": עבודת האכילה איז זייער א שווערע עבודה, און אין זוהר הקדוש ווערט געברענגט אז די צייט ווען מען עסט איז א צייט פון א מלחמה. דאס הייסט, אז אינדערצייט וואס מען עסט, קומט פאָר א מלחמה צווישן די כוחות הקדושה און די כוחות הטומאה.

ווייל אין יעדער מאכל זענען דא ניצוצות פון קדושה און ניצוצות פון טומאה, און ווען דער מענטש איז זיך מְקַדֵּשׁ ביים עסן, און האט אינזינען אז זיין עסן זאל זיין לשם שמים, אין קעגנזאץ צו זיין נאטור, וועלכער וויל עסן כדי צו זעטיגן זיין הונגער, דעמאלטס ווערן נִתְעַבֵּר אין אים די ניצוצות הקדושה, און ער איז זוכה דורכדעם צו קְדוּשָּׁה יְתֵרָה. אבער אויב עסט ער נאר לַהֲנָאַת גּוּפוֹ, ח"ו, דעמאלטס זענען די ניצוצות הטומאה אימשטאנד חלילה צו זיך מְדַבֵּק זיין אין אים, און זיי קענען אים חלילה מאכן אראפפאלן פון זיינע מדריגות און אים חלילה צוברענגען צו טומאה, רח"ל.

די עבודת האכילה איז טאקע אן עבודה קשה, אבער איר גרויסקייט איז אויך זייער גרויס. איינס פון די טעמים פארוואס די תלמידי הבעל שם טוב האבן מבטל געווען די תעניתים און סיגופים, וועלכע זענען פון די תיקוני התשובה, איז וויבאלד זיי האבן געהאלטן אז דורכן עסן בקדושה קען מען מער מתקן זיין ווי די תיקונים פון תעניתים און סיגופים.

אויך אין די פרשה פון די וואך, זעען מיר אויף ווי ווייט דערגרייכט איר גרויסקייט. אונזער פרשה איז עוסק אינעם ציווי פון מאכן דעם משכן און די כלי המשכן. אלע מעשי המשכן זענען מרמז אויף גאר הויכע און פארהוילענע ענינים. דער ארון איז מרמז אויף די תורה, און דערפאר זענען די לוחות געלעגן דערין. דער שולחן איז מרמז אויף עבודת האכילה, וואס דאס ווערט געטון אויפן טיש. ביי די ביידע כלים זענען מיר באפוילן צו מאכן א "זֵר זָהָב" פון אויבן. אט דער 'זֵר' איז געווען אזוי ווי א קרוין, ביים ארון האט דער זֵר מרמז געווען אויף כתר תורה, און ביים שולחן האט עס מרמז געווען אויף כתר מלכות, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין רש"י.

דאס קומט אונז לערנען, אז אזוי ווי דאס פלאגן זיך אין די תורה, איז מזכה דעם מענטש צום כתר תורה, אזוי אויך דאס פלאגן זיך אין די עבודת האכילה, דאס מיינט מען דאס וואס דער מענטש שטרענגט זיך אן זיך צו מקדש זיין ביים עסן, איז אים מזכה מיט כתר מלכות.

(עפ"י טיב התורה – תרומה)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

>>> | טיב הפרשה |
המשך פון עמוד א' |

די געגענט פון די ווארשעווער הייזער, אבער ר' דוד האט געוואוינט אין די גבעת שאול געגענט. טראץ די ווייטע מרחק צווישן די צוויי געגענטער, פלעגט זיך ר' דוד שלעפן צו קומען באזוכן דעם רבי'ן, און יעדע שבת ביינאכט איז ער געווען ביים טיש.

איין יאר ווען פורים איז געפאלן פרייטאג איז ר' דוד געווען ערשעפט פון דער סדר היום פון פורים, און שבת ביינאכט האט ער נישט געהאט קיין כח צו קומען צום טיש.

צומארגענס ווען ער איז געקומען צום טיש האט אים דער בעל הסולם פאָרגעהאלטן וואו איז ער געווען נעכטן נאכט? האט ער געזאגט אז ער האט נישט געהאט קיין כח צו קומען, עס איז א ווייטע וועג, ער איז געווען ערשעפט.

האט אים דער בעל הסולם געזאגט אז ער האט נישט פראבירט - ווען דו וואלטסט פראבירט, אפשר וואלסטו געקענט.

ר' דוד האט דערציילט אז די ווערטער איז אים אריין אין די ביינער און אים באגלייט כל ימיו. ער האט געלעבט מיט דער גדאנק אז אפשר וואלט ער יא געקענט, וויל ווען מען פראבירט באקומט מען כוחות פון הימל און מען קען יא אויספירן וואס מען וויל.

זאל הקב"ה געבן אז די טירדות זאלן אוועקגיין און מען זאל זוכה זיין נתעלה צו ווערן מעלה מעלה בעבודת השם אָן קיין שום טירדה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## בזכות כיבוד אב ואם - די פעקלעך קומט צוריק אויף שבת

איך האב ברוך ה' דערלעבט אז מיין טאטע האט זוכה געווען צו א שיבה טובה.

ער איז אויף די עלטער, ער פונקציאנירט נאך געהעריג, אבער דאך ווען מיר פון צייט צו צייט גיין צו אים און זיך אפגעבן מיט אים.

איך וואוין נישט אין די זעלבע שטאט וואו מיין טאטע וואוינט, איך וועל צומאל אריבערפארן צו אים, ווען עס פעלט זיך אויס. איינמאל איז געווען מיין רייע צו וויילן מיט אים שב"ק, איך האב זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג מיט א רענצל אין די האנט און געווײלט מיט אים שב"ק.

די שבת איז אריבער דערהויבן, נאך שבת האב איך זיך ארויסגעלאזט פון זיין שטוב, אין איין האנט האב איך געהאלטן מיין רענצל מיט זאכן, אין די צווייטע הענט האב איך געהאלטן א זעקל מיסט.

איך בין געבליבן שטיין ביי די מיסט קאסטן און אריינגעווארפן אין איר די מיסט, איך האב ממשיך געווען צו די באס וואס פירט צו מיין שטאט.

איך האב נישט באמערקט אבער אומוועלענדיג האב איך דארט איבערגעלאזט מיין רענצל.

אין איר איז געלעגן אלע מיינע שבת'דיגע וועש, מיין שטריימל, מיינע בעקיטשעס.

נאר ווען איך בין אנגעקומען אין שטוב האב איך זיך געכאפט אז איך האב עס פארלוירן. איך האב גלייך געקלינגען נאנטע און געפרעגט צי זיי זען עס, אבער קיין איינער האט עס נישט געזען.

איך בין געווען אביסל פארלוירן, נישט וויסנדיג וואס צו טון בין איך א טאג שפעטער צוריקגעפארן צו יענער געגענט און זיך נאכגעפרעגט ביי אנדערע צי זיי האבן עס געזען, אבער קיין איינער האט נישט געזען גארנישט.

איין שכן האט יא געזען עפעס, אבער ער האט געוואוסט צו דערציילן אז אן אראבער האט געטראפן די רענצל און זעענדיג אז עס איז נישט דא אין איר קיין ווערדפולע חפצים האט ער עס אריינגעווארפן אין מיסט.

איך בין געווען זיכער אז פון מצות כיבוד אב ואם דערלייגט מען נישט, איך האב ממשיך געווען צו האפן אויף דאס בעסטע. דארנעשטאג נאכט האב איך דערהאלטן א טעלעפאן רוף, מיין שוואגער האט מיר גערופן אז ער האט די רענצל.

מעשה שהיה, אז אן אראבער האט עס טאקע גענומען, אבער א רגע איידער ער האט עס געוואלט אוועקווארפן איז א איד אריבער דארט און עס גענומען פון אים. דער איד האט צוריק איינגעפאקט דאס רענצל און געשטעלט א 'השבת אבידה' צעטיל.

מיין שוואגער האט נעכטן געזען דאס צעטיל און מיר געלאזט וויסן וועגן דעם, איך בין עס געקומען אויפנעמען.

איך בין געווען זיכער אז פון א מצוה דערלייגט מען נישט, און דא האב איך זיך עס איבערגעצייגט אז עס איזווירקליך אזוי.

דערציילט דורך דער בעל המעשה: ב.ש.ר.

די פאראינטערסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב היארצייט

## שטריכן פון הגה"צ רבי לוי ראבינאוויץ זצ"ל בעל מעדני השולחן פאטער פון יבלחט"א מורינו שליט"א - די יארצייט געפאלט קומענדיגער זונטאג ב' אדר

אין דער קומענדיגער זונטאג וועט אויספאלן די צענטע יארצייט פון הגה"צ רבי לוי ראבינאוויץ זצ"ל בעל מעדני השולחן.

לרגל די יארצייט ווילן מיר אראפברענגען דא געוויסע שטריכן פון זיין לעבן און אויך אימרות וואס ער פלעגט זאגן - די מימרות וסיפורים זענען א ליקוט פון די סיפורים וואס מורינו שליט"א דערציילט איבער אים.

### ותלמוד תורה כנגד כולם - די סיבה דערצו

די משנה אין מסכת פאה [א.א] זאגט "אלו דברים שאדם אוכל פירותיהן בעולם הזה, והקרן קיימת לו לעולם הבא. כיבוד אב ואם, וגמילות חסדים, והבאת שלום בין אדם לחבירו, **ותלמוד תורה כנגד כולם**".

לכאורה איז שווער: מען רעדט דאך פון אזעלכע גרויסע מצוות ווי 'כיבוד אב ואם' אדער 'גמילות חסדים', פארוואס טאקע איז 'תלמוד תורה' שָקוּל קעגן אלע?

האט מיין טאטע זצ"ל געגעבן צו פארשטיין מיט די ווערטער פון דער הייליגער חפץ חיים זצוק"ל איבער די מעלה פון לימוד התורה, אז יעדע ווארט איז א מצוה.

פאלגענד איז דער לשון פון דער הייליגער חפץ חיים: (ח"ח הל' אסורי לשוה"ר, פתיחה, עשין, יב) "אם לומד פרק משניות, או דף גמרא, הוא מקיים כמה מאות מצוות. כמו שכתב הגר"א ז"ל בשנות אליהו פ"א דפאה [משנה דנן בפירוש הארוך, ע"ש שלמצוה זו אין שיעור למטה, ואף תיבה אחת מצוה, ולכן צריך לייקר מאוד גם מילה אחת של לימוד התורה ע"ש] בשם הירושלמי. – ואם כן נבוא לחשבון כמה אלפים תיבות קדושות של תורה, שכל אחת בפני עצמה היא מצוה רבה שביטלנו בידיים, וכנגדם הכנסנו כמה אלפים עוונות וכו'".

עס קומט אויס לויט דעם אז ווען מען לערנט תורה איז מען נישט נאר מקיים איין מצוה, נאר ביי יעדע ווארט איז מען מקיים א מצוה.

מיט דעם דערהער קען מען פארשטיין פארוואס עס איז שקול כנגד כל התורה, וויל אין די צייט וואס מען איז מקיים איין גמילות חסד כאפט מען אריין צו מאכן צענדליגע מצוות.

### די עיקר לימוד התורה איז הלכה למעשה

איינס פון די שטארקע נקודות וואס איך האב געזען ביים טאטן זצ"ל איז געווען דער דגוש צו לערנען 'הלכה למעשה'.

אייביג האט ער געשטרעבט און געפאדערט פון אונז אז מען זאל לערנען הלכה למעשה.

שטענדיג האבן מיר געהערט פון אים די נקודה אז לערנען גמרא מיט תוספות איז נישט גענוג, אז מען דארף אויך זען אז דער לימוד זאל זיין הלכה למעשה.

דער טאטע זצ"ל האט נישט נאר געזאגט, נאר איז אויך געווען א לעבעדיגער מוסטער. ווען ער האט געלערנט יורה דעה האט ער געזאגט אז ביי אורח חיים איז דא משנה ברורה אבער אין יורה דעה איז עס נישט דא.

ער האט גענומען אויף זיך ממלא צו זיין דער חלל און אראפגעציפט צייט פון זיין פולער סדר היום צו שרייבן דער ספר.

פאר לאנגע שעה'ן איז ער געזעסן אין זיין קליינע דירה אין די 'נייטין הייזער' אדער אין די 'נייטינ'ס שול' און געשריבן שורה נאך שורה, ביז ווען ער האט געענדיגט און ארויסגעגעבן די הערליכע און קלארע חיבור.

אין א געלעגנהייט האט ער מיר געגעבן א שפאלט אריין אין די עבודת הק'. ער האט דערציילט אז ער האט געלערנט אליין און זיך גע'חזר'ט די ווערטער פון די גמרא אין ברכות [דף ו] שאפילו אחד שיושב ועוסק בתורה שכינה עמו, און ווען ער האט געדארפט אראפשרייבן א דין הלכה למעשה פלעגט ער זיך אויסשמועסן מיט זיך צי די שכינה איז מסכים מיט אים, און נאר ווען ער האט געהאט די הרגשה אז אזוי איז עס האט ער עס געשריבן.

>>> | טיב היארצייט | המשך אין עמוד ד' |

# טיב המעשיות

## כבוד התורה - א'

**"וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים וגו', וְעָשִׂיתָ עָלָיו זֵר זָהָב סָבִיב" כה, יא זאגט רש"י ז"ל: "הוּא סִימָן לְכֶתֶר תּוֹרָה" עכ"ל. און אין מדרש ווערט געברענגט (שמו"ר לד, ב): "אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, שְׁלֹשָׁה כְּתָרִים הֵם, כֶּתֶר מַלְכוּת וְכֶתֶר כְּהוּנָּה וְכֶתֶר תּוֹרָה. כֶּתֶר מַלְכוּת זֶה הַשֻּׁלְחָן, כֶּתֶר כְּהוּנָּה זֶה הַמִּזְבֵּחַ, וְכֶתֶר תּוֹרָה זֶה הָאָרוֹן דִּכְתִיב בּוֹ 'זֵר זָהָב'".**

**"וּמִפְּנֵי מַה בְּכֻלָּן כְּתִיב וְעָשִׂיתָ 'לוֹ', וּבָאָרוֹן כְּתִיב וְעָשׂוּ 'עָלָיו', לְלַמֶּדְךָ שֶׁכֶּתֶר תּוֹרָה מְעֻלָּה יוֹתֵר מִכֻּלָּן, זָכָה אָדָם לְתוֹרָה כְּאִלּוּ זָכָה לְכֻלָּן", ע"כ.**

**און אזוי שטייט אויך אין בעל הטורים דא אויפן פלאץ.**

איינער פון די גרעסטע עשירים אין רוסלאנד, אין די צייטן איידער די בולשעוויסטישע רעוואלוציע, איז געווען א חשוב'ער איד, **הרב דייניס ז"ל**, וועמענס ריזיגע פארמעגן איז באשטאנען פון פילע מיליארדן! – אבער דאס אלעס האט גארנישט פארמינערט פון זיין געוואלדיגע ערליכקייט און יראת שמים.

ער האט געשעצט תורה מיט זיין גאנצן הארץ, שפירנדיג גרויס כבוד צו די הייליגע תורה און צו די תלמידי חכמים וואס לערנען איר, און פארן כבוד פון די גדולי תורה און ראשי ישיבות פלעג ער ממש ארויסגיין מגדרו. הרב דייניס פלעגט אליין אויסהאלטן עטליכע גרויסע און פראכטפולע ישיבות, טראגנדיג אליין זייערע אלע קאסטן. אויסערדעם, פלעג ער אויך אויסגעבן ריזיגע געלטער אויסצוהאלטן די מוסדות התורה, און שטיצן און אויסהאלטן ארימע תלמידי חכמים.

און ווירקליך איז אין אט דעם עושר מקוים געווארן די הבטחה פון **חכמינו ז"ל** (שבת כג:): "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן הָווּ לֵיהּ חַתְנְוָותָא רַבָּנָן", און ער האט זוכה געווען צו צוויי איידעמער גאוני עולם וועלכע זענען מיט די צייט געווארן גדולי ומנהיגי הדור – **מרן הגאון רבי יוסף לייב בלאך זצ"ל**, וועלכער האט אויפגעשטעלט די באוואוסטע ישיבת **'טעלז'**, און איז געשטאנען אין איר שפיץ פאר לאנגע יארן, און זיין ברודער **הגאון רבי אברהם יצחק בלוך זצ"ל** ריש מתיבתא דישיבת טעלז.

נאך די גרויסע רעוואלוציע אין רוסלאנד, האבן די בולשעוויקן צוגערויבט פון אים מערסטנס פון זיין פארמעגן, לויטן נייעם בארבארישן געזעץ וואס האט קאנפיסקירט די פארמעגנס פון מיליאנען בירגער, צום רעגירונגס קאסע. פון דעמאלטס איז ער געווארן א 'יורד', ווען פון זיין גאנצע ריזיגע פארמעגן איז כמעט גארנישט געבליבן ביי אים. אבער דאס אלעס האט גארנישט פארמינערט פון זיין שמחה, וויבאלד דאס געלט איז נישט געווען זיין עיקר פרייד... און ער פלעגט זיך אלעמאל שטארקן, זאגנדיג אז עס איז אים נאך אלץ געבליבן צוויי טייערע בריליאנטן, וואס זייער ווערד איז מער ווי די טייערסטע חפצים אויף דער וועלט! און זיי וועט מען קיינמאל נישט קענען אוועקנעמען פון אים... דאס זענען זיינע צוויי איידעמער די גאונים און צדיקים די ראשי ישיבת טעלז.

די פאלגנדע וואונדערליכע מעשה, האט דערציילט **הגאון רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל הי"ד**, איבער דער געוואלדיגער **'כבוד התורה'** פון הרב דייניס. דאס איז געווען אין די גוטע צייטן פונעם עושר, אין די זאטע יארן ווען ער האט פארמאגן א ריזיגע פארמעגן, און דער עולם התורה האט דעמאלטס שטארק געבליט, א דאנק די ריזיגע ביישטייערונגען פונעם עושר, וועלכער האט זיך אלעמאל הארציג געלאזט קאסטן להגדיל תורה ולהאדירה!

איינמאל אין יאר פלעג רבי אלחנן זצוק"ל קומען אויף א באזוך אינעם פראכטפולן פאלאץ פון הרב דייניס, און פלעגט זיך אויפהאלטן עטליכע טעג ביי אים אינדערהיים, טעג וועלכע זענען פארוואנדלט געווארן ממש אין א 'יום טוב' אינעם הויז פון די דייניס פאמיליע. הרב דייניס פלעג זיך ארומדרייען ארום דער גאון און צדיק, און האט געטון אלעס וואס ער האט נאר געקענט למען כבודו פונעם באוואוסטן **ראש ישיבה פון 'בראנאוויטש'**. איידער ער האט פארלאזט דעם פאלאץ, און געהאלטן ביים זיך צוריקקערן צו זיין הייליגע ישיבה, האט דער עושר זיך געלאזט קאסטן א ריזיגע סומע געלט, וואס האט אויסגעהאלטן די גאנצע ישיבה פאר א האלבע יאר!

אין איינע פון די יארן, איז געווען זייער א שווערע 'ווינטער'. די פילע שנייען וואס האבן זיך אויסגעלייגט אויף די וועגן, האבן אפגעשטעלט דעם פארקער כמעט אינגאנצן, און אלץ רעזולטאט דערפון האבן זיך פילע תמיכות פארזוימט פון די גרויסע ישיבה פון רבי אלחנן אין בראנאוויטש, און די ישיבה האט געהאלטן אין א שווערן צושטאנד. רבי אלחנן האט זיך גלייך געמוזט ארויסלאזן אויף א רייזע צו שאפן געלט פאר די ישיבה, טראצדעם וואס צוליב די שווערע וועטער איז געווען זייער שווער צו מאכן אזא רייזע.

האט רבי אלחנן באשלאסן זיך ארויסצולאזן צו די שטאט פון הרב דייניס, וואו ער האט געוואוסט אז ער וועט זיך מער נישט דארפן דרייען צווישן די גבירים, און ער וועט זיך גלייך קענען צוריקקערן אין ישיבה. די וועג איז געווען א שווערע, און אנקומענדיג נאנט צום שטאט האט ער זיך געדארפט דורכשפאנען די פילע שנייען, ווען נאר מיט גרויס שוועריקייט איז אים געלונגען דורכצומאכן די שווערע קעלט און בלאטעס, ווייל קיין שום זאך איז אים נישט געווען צי שווער כדי צו קענען אנהאלטן די תורה לערנען אין זיין הייליגע ישיבה.

ווען ער איז אנגעקומען נאנט צום הערליכן פאלאץ פונעם גביר, האט ער זיך אפגעשטעלט פאר א רגע, באטראכטנדיג זיינע קליידער. ער איז געבליבן שאקירט. זיין מאנטל איז פול געווען מיט שניי און וואסער, זיינע שטיוול זענען געווען פול מיט קלעבעדיגע בלאטע. די שווערע טלטולי הדרך האבן געלאזט זייערע צייכענעס אויף די מלבושים פונעם ראש ישיבה.

געטראכט האט רבי אלחנן צו זיך: וויאזוי קען איך אריינגיין אין הויז, מיט אזעלכע שמוציגע קליידער, און מיט שטיוול וועלכע זענען אנגעפילט מיט בלאטע? – ער האט גוט געקענט דעם הערליכן שפיגלדיגן פאלאץ, וואס איז אויסגעשפרייט מיט הערליכע טעפיכער אין אלע צימערן, און פראכטפולע מעבל און חפצים וואס שפיגלען מיט זייער ריינקייט פולן עס אן. אויב ער וועט אזוי אריינגיין אין פאלאץ, ווען עס רינט פון אים בלאטע און שמוץ, וועט דאך אלעס פארשמירט ווערן!

נאכן דורכטראכטן די זאך, האט ער געטראפן אן עצה. וויבאלד ער האט גוט געקענט דעם הויז פון זיינע פריערדיגע באזוכן, האט ער געדענקט אז אויסער דעם גרויסן אריינגאנג פון וואו מען גייט געווענליך אריין אינעם הערליכן פאלאץ, וואס פון דארט גייט מען אריין אינעם הערליכן זאל וואו מען נעמט אויף די געסט, און צום טייערן סאלאן וואו עס זיצט דער עושר אליין בכבודו ובעצמו, וואס דארט איז דאס הויז געווען הערליך אויסגעלייגט מיט הערליכע טעפיכער און גאר טייערע מעבל. – איז אויך געווען אן אונטערשטן טיר צום הויז, פון וואו די באדינער זענען ארויסגעגאנגען מיט די מיסט און מיט וועש א.ד.ג, צום אונטערשטן הויף.

איז רבי אלחנן ארומגעגאנגען דעם גאנצן ריזיגן פאלאץ, ביז ער איז אנגעקומען צו אט דעם אונטערשטן טיר, וואו ער האט געוואוסט אז עס זענען נישטא קיין טייערע טעפיכער אויסגעשפרייט, דארט וועט ער קענען אויסטון די פארשמירטע שטיוול, און אראפנעמען דעם דורכגעווייקטן מאנטל, און פון דארט וועט ער קענען אריינגיין אינעווייניג אן צו שמוציג מאכן דאס הויז!

דער גרויסער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צום טיר און לייכט אנגעקלאפט. דער עושר און זיינע געהילפן האבן איבערהויפט נישט געהערט זיינע קלאפערייען, וויבאלד זיי האבן זיך דעמאלטס געפינען ביים הויפט טייל פונעם פאלאץ, אינעם סאלאן און ביים אויפנאם-זאל פון די געסט. אבער די טעכטער פונעם בעל הבית, וועלכע האבן זיך געפינען אינעם אינעווייניגסטן טייל, האבן געהערט די קלאפערייען, און צוגייענדיג צו עפענען דעם טיר, זענען זיי פארוואונדערט געווארן צו זען דעם ראש ישיבה בכבודו ובעצמו, ווי ער שטייט דארט ביים טיר, ווייזנדיג אויף זיין מאנטל און שטיוול וועלכע האבן אים געצוואונגען אריינצוגיין פון אט דעם טיר.

די חשוב'ע און ערליכע טעכטער, וועלכע האבן געוואוסט ווי גרויס איז דער שמחה פון זייער טאטע, זענען געווארן זייער פרייליך, און האבן זיך געאיילט צום סאלאן, צו דער צימער פון זייער טאטע דער עושר, און מיט א פרייליכן שטימע האבן זיי אים איבערגעגעבן די פרייליכע בשורה: "**טאטע! דער ראש ישיבה איז דא! רבי אלחנן איז דא**"!

דער עשיר איז געווארן פול מיט פרייד, און זיך גענומען איילן צום אויפנאם-צימער פון די געסט, כדי אויפצונעמען דעם גדול הדור! אבער זיינע טעכטער האבן אים שנעל צוגעוויזן אז ער זאל קומען צום אונטערשטן טיר, וואס געפינט זיך אונטערן קאך און נאכן צימער פון די קעכערינס, ערקלערנדיג אז דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען פון דארט, כדי נישט שמוציג צו מאכן די טעפיכער ביים הויפט אריינגאנג!

הרב דייניס, דער עושר, האט גלייך געווענדן זיינע טריט אין יענעם ריכטונג, און מיט גרויס שמחה איז ער געגאנגען זוכן דעם הויכגעשעצטן גאסט. ווען ער איז אנגעקומען צום אונטערשטן טיר, און דארט אינעם ווינקל געטראפן דעם ראש ישיבה ווי ער שטייט און ווארט אויף אים, איז ער נישט געווען מסוגל צו זען ווי דער חשוב'ער גאסט קומט אזוי אריין פון אט דעם פארשעמטן אריינגאנג – האט ער זיך גענומען וויינען מיט הייסע טרערן, און נאכן געבן 'שלום עליכם' פאר זיין גאסט מיט גרויס באגייסטערונג, איז ער געווארן זייער צושטורעמט, און געפרעגט זיין געהויבענער גאסט – "פארוואס איז דער רבי נישט אריינגעקומען פונעם הויפט אריינגאנג"?

האט זיך רבי אלחנן ענטשולדיגט און ערקלערט, אז וויבאלד ער איז געווען ממש דורכגעווייקט מיט וואסער און בלאטע, האט ער נישט געוואלט פארשמירן אלע טייערע טעפיכער וואס זענען אויסגעשפרייט אויף דער ערד, ביים הויפט אריינגאנג.

דער עושר האט אבער נישט אנגענומען דעם ערקלערונג, און האט זיך גענומען וויינען הויך אויפן קול: **וואס טוט איר מיר, רבי?!** האט ער געשריגן, מיט אט דעם פירונג מאכט

המשך אין עמוד ד' >|

>>> | טיב המעשיות | המשך פון עמוד ג' |

איך קאליע דער חינוך פון מיין משפחה! און דער עושר האט ערקלערט: איך בין אלעמאל מחנך מיינע טייערע טעכטער, אז די תורה איז די חשוב'סטע זאך, מער ווי אלעס אנדערש אויף דער וועלט, און אז אלע ענינים פונעם עולם הזה זענען נאר באשאפן געווארן כדי צו באדינען די תורה הקדושה און צו מכבד זיין די לומדי התורה! און דא ווייזט איר זיי, אז די גלאנציגע מעבל און טעפיכער זענען מער חשוב ווי די תורה... דעריבער בעט איך זייער פונעם חשוב'ן ראש ישיבה, אז ער זאל מוחל זיין אויף זיין טירחא, און מיר יעצט נאכגיין!

דער עושר האט אנגענומען די האנט פונעם ראש ישיבה מיט גרויס ליבשאפט און כבוד, און אים ארויסגענומען צום דרויסנדיגן הויף, און אזוי איז ער ארומגעגאנגען מיט אים דעם גאנצן פאלאץ, און מיט גרויס פראכט האט ער אים אריינגענומען דווקא דורכן הויפט אריינגאנג. און אזוי גייענדיג, האט ער געבעטן פונעם ראש ישיבה, אז ער זאל אריינקומען מיט אים אינעווייניג מיט זיינע פארשמירטע שטיוול און נאסע מאנטל, דווקא אויף די טייערסטע טעפיכער! "אט די אלע זאכן זענען נאר געמאכט געווארן לכבוד אייך"! האט דער עושר אויסגערופן. ביטע קומט אריין, רבי, מיט אלע בלאטע און שמוץ! און לייג נישט אכט אז דאס הויז ווערט שמוציג. וויבאלד איך וויל אז מיינע טעכטער זאלן זען און זיך אויסלערנען אז דער כבוד פון די תורה איז חשוב'ער ווי יעדע אנדערע זאך אויף דער וועלט, און דורכדעם וועלן זיי טייער האלטן און מער מכבד זיין די תורה און די לומדי התורה, און וועלן וויסן צו מכבד זיין די גדולי ישראל מיטן גאנצן הארץ.

לעילוי נשמת
הגאון הצדיק רבי לוי זצוק"ל
בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצוק"ל
•-•
נלבע שבת קודש פרשת תרומה
ב' אדר תשע"ה • תנצב"ה.

>>> | טיב היארצייט | המשך פון עמוד ג' |

איך געדענק אז נאך דעם וואס הקב"ה האט אים מזכה געווען און ער האט ארויסגעגעבן די ספרים 'מעדני השלחן' אשר כשמו כן הוא, עס איז ממש מעדנים טובים ומתוקים, איז ער ארויף צו דער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל און אים געבעטן א הסכמה.

ווען דער טאטע זצ"ל איז אריינגעקומען אין שטוב אין די שערי חסד געגענט און דערמאנט זיין טאטע זצ"ל הגה"צ המקובל רבי גמליאל הכהן זצוק"ל דער ראש הישיבה פון די קעשינאווער ישיבה, האט זיך רבי שלמה זלמן צעוויינט ברבים פארענט פון אלע אנוועזענדע.

שפעטער ווען ער איז געקומען צו זיך, האט ער געגעבן צו פארשטיין די געוויין. ער האט דערציילט אז ער געדענקט גוט זיין טאטע און עס ליגט אים אין די ביינער זיינע באזוכן אין די שערי חסד געגענט.

רבי גמליאל זצוק"ל איז נסתלק געווארן יונג און ער געדענקט אז אין ירושלים עיה"ק האט מען גערעדט אז ער האט איבערגעלאזט נאך זיך א יונגער יתום.

בימים ההם איז די גורל פון א יתום געווען איינגעשטעלט, אסאך יתומים זענען נעבעך אוועקגעפאלן און ער האט זיך געזארגט וואס וועט זיין מיט'ן יתום פון רבי גמליאל זצ"ל, אבער היינט זעענדיג אז ער איז אויסגעוואקסן א תלמיד חכם און ער האט זוכה געווען צו מאכן אזא שיינער חיבור - פריידט ער זיך זייער מיט דעם און די התרגשות האט צוגעברענגט אז ער זאל זיך צעוויינען.

דער טאטע זצ"ל פלעגט שטענדיג איבערזאגן די ווערטער פון דער נועם אלימלך אין די סדר הנהגת האדם בנוגע אז מען זאל לערנען הלכה למעשה.

לאמיר דא אראפברענגען לשונו בקודש פון דער הייליגער נועם אלימלך [ס"ק א] וזל"ק: "הראשון, צריך האדם ללמוד גמרא ופירוש רש"י ותוס' ומפרשים, כל אחד לפי השגתו, והפוסקים אחריהם, ומתחילה ילמוד שולחן ערוך אורח חיים. **וצריך להתפלל להשי"ת שיבא על האמת, כי חטאת נעורים של האדם הראשון מסמין עיניו שלא יראה, אף שיכול לפלפל ולהגיד לאחרים דינו, אבל הוא בעצמו שוכח ולא מקיימם באמת. לכן צריך האדם להתחרט מאוד על עוונותיו וכו', ואז השם יתברך ברחמיו וברוב חסדיו יאיר עיניו באור תורתו הקדושה, ויבין וישכיל תוכן הדבר לעשותו ולקיימו"**, עכלה"ט.

## חזר'ן משניות בעל פה

איינס פון די מנהגים וואס מען האט געזען ביים טאטן זצ"ל איז געווען אז שטענדיג האט ער גע'חזר'ט פרקי משניות ביז ווען עס איז געווען מסודר ביי אים אלע פרקים.

די הנהגה האט ער געהאט ביי זיך און עס אויך געפאדערט פון די קינדער און פון די תלמידים.

דער טאטע זצ"ל איז געווען זייער דבוק אין דער הייליגער חפץ חיים זצ"ל.

טראץ וואס ער איז קיינמאל נישט געווען ביי אים אין ראדין צוליב די ריחוק המקום האט ער זיך געשפירט ווי א תלמיד פון אים.

כידוע האט דער חפץ חיים אלעמאל מזהיר געווען אז מען זאל חזר'ן פרקי משניות, און ער האט זיך אויך געפירט אזוי און אייביג איז געווען שגור על פיו משניות.

ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע ישוב הדעת, און אין יעדן מצב האט מען אים געקענט זען זיצן און לערנען משניות במתינות און מיט א רואיגקייט. אויך אין די עלטערע יארן ווען ער איז געווען אין שפיטאל צוליב זיין קרענק האט ער כסדר גע'חזר'ט משניות.

איינער פון זיינע גרויסע תלמידים איז געווען דער גאון רבי יעקב בלויא זצוק"ל, חבר הבד"ץ און דער רב פון די סנהדריה געגענט.

מיט די יארן האט ער זיך משדך געווען מיט אים דריי מאל, והחוט המשולש לא במהרה ינתק.

לימים האט דער גאון זצ"ל דערציילט, אז דער טאטע זצ"ל האט אים צוגערעדט אז ער זאל אויך אנהייבן חזר'ן משניות.

זייענדיג א לעבעדיגער מוסטער פון [ב"מ לג] פון הוי רץ למשנה האט ער גענומען אויף זיך די הנהגה און אויך אנגעהויבן משנן זיין משנה'ס.

מיט יארן שפעטער האבן זיי זיך געטראפן ביי א משפחה שמחה, און דער גאון רבי יעקב זצ"ל האט געזאגט פאר'ן טאטן זצ"ל אז ער וויל זיך באדאנקען פאר אים ווייל אין זיין זכות לערנט ער נאך ביז היינט משניות.

ער האט אים דערמאנט אז אין די יונגע יארן האט ער זיך פארהערט ביי אים אויף אויסענווייניג גאנץ ששה סדרי משנה.

יהא זכרו ברוך - זאל ער זיין א מליץ יושר פאר אונז און משפיע זיין אויף אלעמען שפע רב און אלע ברכות.




מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד
והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173